# LESSON 5

## פֿינפֿטע לעקציע

# אַלע מענטשן זײַנען ברידער

### פֿון י. ל. פּרץ (1915—1852)

אַלע מענטשן זײַנען ברידער:
ברוינע, געלע, שוואַרצע, ווײַסע.
פֿעלקער, לענדער און קלימאַטן —
ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה.

ווײַסע, שוואַרצע, ברוינע, געלע —
מישט די פֿאַרבן אויס צוזאַמען!
אַלע מענטשן זײַנען ברידער
פֿון איין טאַטן, פֿון איין מאַמען.




## ייִדן דערציילן

### ער לעבט פֿון דעם

„ווי גייט אײַער געשעפֿט?"
„זייער שלעכט. איך פֿאַרליר געלט אַלע טאָג."
„פֿאַר וואָס פֿאַרמאַכט איר נישט דאָס געשעפֿט?"
„ווי קען איך? איך לעב פֿון דעם!"

### אַ גוטע פֿראַגע

„פֿאַר וואָס ענטפֿערט אַ ייִד אַלע מאָל מיט אַ פֿראַגע?"
„פֿאַר וואָס ניט?"

## ווי הייסט איר?

אַ ייִד קומט צו אַ צווייטן ייִד אין הויז און פֿרעגט:
„זײַט אַזוי גוט, זאָגט מיר: איר הייסט שלמה גאָלדבערג?"
„יאָ," זאָגט דער אַנדערער ייִד.
דער ערשטער ייִד גיט אים אַ פּאַטש. אָבער דער צווייטער לאַכט.
„ה׳ גאָלדבערג, פֿאַר וואָס לאַכט איר?" פֿרעגט דער ערשטער.
„ווײַל איך הייס גאָרניט שלמה גאָלדבערג! איך הייס דוד שוואַרץ!"

## אָן עצה

אַ ייִנגל זעט, ווי אַ בריוון־טרעגער טראָגט אַ שווערן זאַק.
„וואָס האָט איר דאָרטן אין זאַק?" פֿרעגט ער דעם בריוון־טרעגער.
„איך טראָג בריוו," זאָגט דער בריוון־טרעגער.
„אויב איר האָט אַזוי פֿיל בריוו," זאָגט דאָס ייִנגל, „פֿאַר וואָס שיקט איר זיי ניט דורך פּאָסט?"

## קאָניוגאַציע

דער לערער: וועגן וואָס לערנען מיר הײַנט?
חיים: וועגן קאָניוגאַציע.
דער לערער: ריכטיק. הערט ווי איך קאָניוגיר: איך גיי, דו גייסט, ער גייט, מיר גייען, איר גייט, זיי גייען. חיים, איצט קאָניוגיר דו.
חיים: אַלע גייען!

## VOCABULARY

אויב if
אויס ← מישט אויס
אוי׳סגעטראַכט invented
אַזוי׳ פֿיל so many
* איין one
אײַער your
* אים him
* ברוין brown
* דער בריוו (—) letter
דער ברי׳וון־טרעגער mailman
גאָרניט at all
גיט אַ פּאַטש slaps
* געל yellow
* דאָס געלט money
* דאָס געשע׳פֿט (ן) business
* דוד [DOVID] *man's name* *(Yiddish equivalent of* David)
דורך ← פּאָסט
דעם: פֿון דעם from it
דערציי׳לט relates
* ווײַס white
* זאָגן to tell (=say)
זאָג מיר tell me

דער זאַק bag
• זײַט אַזוי׳ גוט please (*literally*: be so good)
• חיים *man's name* [KhAIM]
• טראָגט carries
דער ייִד (*literally*) a Jew; (*colloquially also*) a man, a person
• דאָס ייִנגל (עך) boy
• לאַכט laughs
• לעבט lives
לערנען = לערנען זיך
מאָל: • אַלע מאָל always
מאַמען *alternative dative form of* מאַמע
מיר me
מישט... אויס mixes
ס'איז [SIZ] = דאָס איז
די עצה [EYTSE] piece of advice
פּאַטש ← גיט אַ פּאַטש
• די פּאָסט mail
דורך פּאָסט by mail
די פֿאַרב (ן) color
• פֿאַר וואָס why
פֿאַרלי׳רט loses
פֿאַרמאַ׳כט closes
די פֿראַגע question
• צו to
די קאָניוגאַציע conjugation
קאָניוגי׳רט conjugates
דער קלימאַט (קלימאַ׳טן) climate
• שוואַרץ black
• שווער heavy
• שיקט sends
• שלעכט bad

## GRAMMAR

### 1. Imperative

The singular of the imperative is identical with the base of the verb:

זאָג (זאָג—)
גיי (גיי—)

The plural of the imperative is formed by adding ט— to the singular. The plural form is thus identical with the second person plural of the present tense:

זאָג — זאָגט
גיי — גייט

The negative is formed simply by adding ניט:

גיי ניט Don't go
קוקט ניט Don't look

In a sentence containing an imperative, the verb may, of course, be the first sentence unit.

### 2. ער and זי

(דער טאָוול) ער איז אין צימער It is in the room
(די שטאָט) זי איז אין אַמעריקע It is in America
(דאָס לאַנד) עס איז אין אייראָפּע It is in Europe

To refer to *inanimate objects,* the pronoun **ער** is used in place of a masculine noun, and **זי** in place of a feminine noun. **עס** is used in reference to inanimate objects only if the implied noun is of the neuter gender.

### 3. דו and איר

ווו אַרבעטסטו, חיים? (*2nd person singular*)
ווו אַרבעט איר, הער שוואַרץ? (*2nd person plural*)

In both examples above, only one person is being addressed, yet in the first case the singular **דו** is used, in the second, the plural **איר**. Whenever a close friend or a child is spoken to—someone whom we would ordinarily call by his or her first name—the singular is used (familiar address). When one is not on such intimate terms, and would ordinarily call the person Mr., Mrs., or Miss So-and-So, the plural is used to show respect (formal address).

In conformity with this rule, **זײַ אַזוי גוט** and **זײַט אַזוי גוט**, both meaning *please,* are differentiated.

In addressing more than one person, of course, the plural is always used.

### 4. Title of Address

הער שוואַרץ, פֿרוי גוטמאַן און פֿרײַלין גאָלד; ה׳ שוואַרץ, פֿר׳ גוטמאַן, פֿרל׳ גאָלד
חבֿר שוואַרץ, חבֿרטע גוטמאַן און חבֿרטע גאָלד; ח׳ שוואַרץ, ח׳טע גוטמאַן, ח׳טע גאָלד

In not too formal speech, people frequently address each other by the titles **חבֿר** [KHAVER] (*masculine*) and **חבֿרטע** [KHA'VERTE] (*feminine*) respectively, which mean literally *friend.* The formal address, using the second person plural, is employed in speaking to people addressed as **חבֿר**:

קומט אַהער, חבֿר שוואַרץ און חבֿרטע גוטמאַן!

The same titles are also used in speaking about someone:

חבֿר און חבֿרטע שוואַרץ קומען הײַנט

### 5. לעבן and וווינען

חיימס מאַמע **לעבט** Khaim's mother is living
זי **וווינט** אין שיקאַגאָ She lives in Chicago

**לעבט** refers to "living," "being alive," as opposed to "being dead."

וווינט refers to "living somewhere," as opposed to "living somewhere else." It is comparable to English "dwell."

ווײַן טאַטע לעבט? יאָ. ווו וווינט ער? Is his father living? Yes. Where does he live?

## 6. Present Tense of בין and האָב

The conjugations of איך בין *I am* and איך האָב *I have* in the present tense are irregular:

| | |
|---|---|
| איך בין | איך האָב |
| דו ביסט | דו האָסט |
| (ווו ביסטו?) | (וואָס האָסטו?) |
| ער איז | ער האָט |
| מיר זײַנען | מיר האָבן |
| איר זײַט | איר האָט |
| זיי זײַנען | זיי האָבן |
| Imperative: זײַ — זײַט | האָב — האָט |

## EXERCISES

A. Memorize the poem given in this lesson. It is part of a well-known work by Y. L. Peretz, one of the greatest Yiddish writers. It is sung to a theme from Beethoven's Ninth Symphony.

B. Retell the contents of the poem in a prose paragraph of four or five sentences.

C. Substitute the appropriate personal pronoun for the subject in each of the following sentences:

1. דאָס לאַנד איז אין אַזיע. 2. דער צימער איז וואַרעם. 3. דאָס ייִנגל גייט אין שול. 4. די קינדער שפּילן זיך. 5. דאָס געלט איז ניט געגנוג. 6. דער בריוו איז צו דודן. 7. די שול איז אויף אַן אַנדער גאַס. 8. דער יום־טובֿ הייסט פּורים. 9. די מעשׂה איז וועגן אַ קליין ייִנגל. 10. די צײַטונג שרײַבט ניט נאָר וועגן ייִדן.

D. Supply the proper forms of בין:

1. מיר —— תּלמידים. 2. ווו —— (ד)ו איצט? 3. איר —— קינדער. 4. דו —— אַ גוטער תּלמיד. 5. וואָס —— איך? 6. מיר —— אַלע ברידער. 7. זיי —— ניט קיין ייִדן. 8. פֿאַר וואָס —— איר אין דער היים? 9. —— גוט צום קינד! 10. שלמה ווייסט ניט ווו מיר ——.

E. Supply the proper forms of האָב:

1. וואָס —— (ד)ו? 2. איך —— אַ העפֿט. 3. מיר אַלע —— העפֿטן. 4. איר —— דאָס בוך? 5. יאָ, מיר —— עס. 6. וואָס —— איר דאָרטן?

7. זיי —— ניט קיין ביכער. 8. איך —— אַ שיינע מעשׂה. 9. זי ——
אַ בריוו פֿון חיימען. 10. איצט —— זיי גענוג געלט.

F. Translate into Yiddish:

1. Don't laugh, children. 2. Listen (=hear), Dovid, what is this white thing? 3. Tell (=say) me, Mr. Epstein, what you have there. 4. Do you speak Yiddish, Esther? 5. I speak Yiddish, because the language is spoken at home. 6. Please come home. 7. Please send me (מיר) the book *(to a stranger)*. 8. Please send me (מיר) the book *(to Dovid)*. 9. Come and eat with us (אונדז), Mr. Gold. 10. Is Mrs. Gold also coming soon? 11. We have a new blackboard in school. It is in the other room. 12. I have an interesting newspaper. It is in (אויף) Yiddish. 13. The city is very big. It is new and beautiful. 14. Why are you living together with Khaim? 15. We are living together because we study together. 16. Doesn't Khaim have a business? 17. No, we go to the same school. 18. I see the woman every day. 19. She doesn't work much. 20. How does she make a living? (=From what does she live?) 21. She has enough money from her (=the) father. 22. She lives off (=from) this money. 23. "You are a bad boy," says the mother to the child. 24. I don't know why you laugh *(to a stranger)*. 25. In America there are brown, yellow, black, and white people.

## THE HEBREW COMPONENT IN YIDDISH

Yiddish includes words and phrases taken not only from the Hebrew of the Bible, but also from later works, many of which, like the Talmud, were written in a sister language of Hebrew, Aramaic. In a precise formulation, this component would therefore be called "the Hebrew-Aramaic" component. In all subsequent Hebrew literature, Hebrew and Aramaic have become intertwined and form what is called in Jewish tradition לשון־קודש [LOSHNKOYDESH] *sacred language*. Present-day Hebrew contains a good deal of Aramaic words and forms.

On different levels of Yiddish speech and writing, the proportion of Hebrew elements differs, sometimes exceeding 15 percent.

The form and meaning of many Hebrew words have changed, and their usage is determined by Yiddish grammar and style.

A great number of words derived from Hebrew are names, such as חיים [KhAIM] or שׂרה [SORE]. Many others denote objects and practices related to Jewish religion and folkways: חתונה [KhA'SENE] *marriage* and בר־מיצווה [BARMITSVE] *Bar-Mitsve* belong to this group. Many words are abstract terms signifying philosophical and moral concepts, such as אמת [EMES] *truth,* עצה [EYTSE] *advice,* or חסרון [KhISORN] *defect.* But a great many words, such as כּמעט [KIMA'T] *almost* or שעה [sho] *hour,* are today quite ordinary words which have no religious or learned meaning.

In many groups of Yiddish synonyms, particularly in verbs, the word of Hebrew derivation has a more literary and abstract flavor than that of Germanic origin. מוסיף זײַן [MOYSEF ZAYN], for example, is more formal than its synonym צו'גנעבן *to add.* A similar relation exists between מנדר זײַן [MENADER ZAYN] and צו'זאָגן *to promise,* or between מפסיק זײַן [MAFSEK ZAYN] and אי'בעררײַסן *to interrupt.*

The pronunciation of words of Hebrew derivation in Yiddish is sometimes at considerable variance with the so-called Sephardic pronunciation of Hebrew used in Israel. Thus the word for wars (spelled מלחמות) is pronounced [MILKhO'MES] in Yiddish and [MILKhAMO'T] in modern Hebrew. There are such doublets in Yiddish as [A*L*I'E]—[A*L*IA'], both spelled עליה. The first is an old Yiddish word of Hebrew derivation and signifies *the call to read the Torah.* The second is a new borrowing from Palestinian Hebrew, and means *immigration to Palestine/Israel.*

In a great number of formations, elements of Hebrew derivation have been combined with non-Hebrew prefixes and suffixes, or vice versa. Words of this type are כּלומרשט [KLOYMERShT] *as if,* שמועסן [ShMU'ESN] *to chat,* פֿאַרסמען [FARSAMEN] *to poison.*

Yiddish has also exercised a reciprocal influence on modern Hebrew. For instance, the diminutive suffix of Yiddish derivation has become standard in Hebrew (in such words, for example, as אבא'לי [A'BALE] *Daddy* and אמא'לי [I'MALE] *Mommy*).

In keeping with tradition, most Yiddish words of Hebrew-Aramaic origin retain their original spelling. In the Soviet Union [דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד] this spelling was changed on ideological grounds.